קונטרס

# אמרי מנחם

דברי תורה וסיפורי קודש
מאת כבוד קדושת מרן
רבינו **אברהם מנחם מענדל וואגשאהל** זי"ע
**אדמו"ר משינאווא**

## וארא

גליון כ"ב- שנת תשפ"ד לפ"ק

• **אידיש** •

יו"ל ע"י

מכון אמרי מנחם
וועד להוצאת
ספרי רבינו זצוק"ל
שינאווא

כל הזכויות שמורות

בס"ד

מי שיש לו איזה הערות או הארות
נא לפנות אל המכון

יכולין להשאיר הודעה על הטעל.
845.459.5954

או לשלוח ע"י אימעיל
mechonshinova@gmail.com

מכון אמרי מנחם
וועד להוצאת
ספרי רבינו זצוק"ל
שע"י קהל דברי יחזקאל
שינאווא

**וַיְדַבֵּר אֱלֹקִים אֶל מֹשֶׁה וַיֹּאמֶר אֵלָיו אֲנִי ה'. וָאֵרָא אֶל אַבְרָהָם אֶל יִצְחָק וְאֶל יַעֲקֹב בְּאֵל שַׁדָּי וּשְׁמִי ה' לֹא נוֹדַעְתִּי לָהֶם.**

**א)** די מפרשים פרעגן אויף דעם שינוי לשון, וואס דער פסוק הייבט אן מיט א לשון 'וידבר אלקים' - מדת הדין, און באלד דערנאך טוישט ער צו 'ויאמר אני השם' - מדת הרחמים?

**ב)** רש"י זאגט אין צווייטן פשט: "**ושמי ה' לא נודעתי להם - הרבה פעמים נגליתי עליהם באל שדי ולא אמרו לי מה שמך ואתה אמרת מה שמו מה אומר אליהם**" - די אבות האבן מיר קיינמאל נישט געפרעגט מיין נאמען, און דו האסט יא געפרעגט 'מה שמו'. לכאורה איז שווער, די אבות האבן דאך נישט געדארפט גיין צו א כלל ישראל און איבערגעבן א שליחות אין נאמען פונעם אייבערשטן, ממילא האבן זיי נישט געפרעגט, אבער משה רבינו האט דאך נאר געפרעגט, וויבאלד ער האט געוואלט וויסן וואס צו ענטפערן פאר אידן, ווען זיי וועלן פרעגן 'מה שמו', נו, וואס איז די טענה צו אים?

**ג)** סוף פרשת שמות ענדיגט זיך: "**וַיָּשָׁב מֹשֶׁה אֶל ה' וַיֹּאמַר אֲדֹנָי לָמָה הֲרֵעֹתָה לָעָם הַזֶּה לָמָּה זֶּה שְׁלַחְתָּנִי**" - משה האט געפרעגט פונעם אייבערשטן, פארוואס האסטו שלעכט געטון צו דאס פאלק. לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס רופט ער זיי מיטן לשון 'עם' - וואס דאס ווייזט אויף א נידריגע מדרגה, און נישט מיטן לשון 'בני ישראל'?

**ד)** אויך דארף מען פארשטיין: די גאנצע טענה דא איז דאך נאר געווען דער 'למה הרעות', נו, וואס האט ער דא מוסיף געווען מיטן 'למה זה שלחתני'?

**ה)** רש"י זאגט: "**למה הרעותה לעם הזה - ואם תאמר מה איכפת לך, קובל אני על ששלחתני**" - אויב וועסטו פרעגן, פארוואס גייט דיר אן דער צער פון כלל ישראל, זאג איך דיר, אז איך רעד זיך אפ פארוואס דו האסט מיר געשיקט. לכאורה איז נישט צום פארשטיין: וואס הייסט 'מה איכפת לך'? די מדה פון אהבת ישראל איז דאך מחייב, אז עס זאל אים יא אנגיין צערן של ישראל?

**ו)** ווייטער זאגט ער: **"וּמֵאָז בָּאתִי אֶל פַּרְעֹה לְדַבֵּר בִּשְׁמֶךָ הֵרַע לָעָם הַזֶּה וְהַצֵּל לֹא הִצַּלְתָּ אֶת עַמֶּךָ"** - זינט איך בין געקומען צו פרעה, האט ער נאר געמאכט ערגער פאר אידן, און דו האסט זיי גארנישט געראטעוועט. לכאורה איז דאך דאס א בחינה פון 'יש בכלל מאתים מנה', אז אויב זאגט מען שוין 'הרע לעם הזה', אז עס איז געווארן ערגער פאר אידן, נו, אודאי זענען זיי נאכנישט געראטעוועט געווארן?

**ז)** דער מדרש אויף דער פרשה זאגט (שמו"ר ז, א): **"הדא הוא דכתיב בכל עצב יהיה מותר ודבר שפתים אך למחסור"** - פון יעדע זאך וואס א מענטש פלאגט זיך דערויף, קומט ארויס א פארדינסט, אבער פון רעדן סתם ווערטער, בלייבט מען מיט א חסרון. דארף מען צו פארשטיין דעם ענין, ווי קומט דאס אריין צו אונזער פרשה?

**נועם אלימלך: דריי מדרגות ביי גאולת מצרים**

**עס** קען אפשר זיין אזוי. דער **נועם אלימלך** (יתרו ד"ה כי הוציא) זאגט אויפן נוסח ההגדה וואס מען זאגט דארט: "הוציאנו מעבדות לחירות ומשעבוד לגאולה ומאפילה לאור גדול", זאגט דער נועם אלימלך, אז ביי דער גאולה זענען געווען דריי מדרגות: עס זענען געווען אידן וועלכע האבן געארבעט אין מצרים ביטער שווער בחומר ובלבנים, און זיי האבן מכיר טוב געווען פארן אייבערשטן אז ער האט זיי ארויסגענומען 'משעבוד לגאולה'. דערנאך זענען געווען די בני לוי, וואס זיי האבן נישט געארבעט בפועל, אבער זיי זענען געווען עבדים אונטער פרעה, און זיי האבן מכיר טוב געווען, אז זיי זענען געווארן באפרייט 'מעבדות לחירות', און די דריטע מדרגה, דאס זענען צדיקים וואס זייער עיקר צער אין מצרים איז געווען, אז עס איז דא אזא חשכות און זיי קענען נישט דינען דעם אייבערשטן ווי עס דארף צו זיין, און זיי האבן מכיר טוב געווען, אז עס איז זיי ליכטיג געווארן אין עבודת ה', און זיי זענען ארויס 'מאפלה לאור גדול'.



**מעשי ה': ברית בין הבתרים איז געווען א בשורה טובה**

**עס** קען אפשר זיין, אז די צדיקים וועלכע זענען געווען אין דער מדרגה פון 'מאפלה לאור גדול', זענען נישט בלויז ביי די גאולה געווען אזוי דערהויבן - מער ווי די ערשטע צוויי מדרגות, נאר אפילו

נאך זייענדיג אין גלות, האבן זיי כמעט נישט געהאט קיין צער הגלות. אזויווי דער **מעשי ה'** (חלק מעשי אבות פ"ט) זאגט, אז כאטש דער אייבערשטער האט געוויזן פאר אברהם אבינו ביים 'ברית בין הבתרים' אלע ד' גליות וואס זיינע קינדער וועלן דורכגיין, דאך איז עס געווען ביי אים א גוטע בשורה! ווייל ער האט אויך געזען דעם געוואלדיגן קידוש השם און כבוד שמים וואס וועט ארויסקומען פונעם גלות, און ביי די אבות איז דאך דאס גאנצע לעבן געווען נאר פארן אייבערשטנ'ס וועגן, ממילא, איז דער גאנצער גלות געווען בלויז א טובה, און ער האט גארנישט געהאט קיין צער דערפון.

**א בליק פון צדיקים: ווי מער 'חשכות הגלות' - אלץ א גרעסערן אור**

**לויט** דעם קען מען פארשטיין א חילוק צווישן די מדרגות: די אידן וועלכע זענען אין דער מדרגה פון 'מעבדות לחירות' אדער 'משעבוד לגאולה', זיי ווערן נישט אינגאנצן בארואיגט מיט דעם וואס מען זאגט זיי: "עס וועט נאך קומען א גאולה", ווייל זיי פארשטייען נישט: פארוואס פעלט אויס דורכצוגיין אזא שווערן 'עבדות', כדי אנצוקומען צום 'חירות'? פארוואס קען מען נישט זוכה זיין צו 'חירות' - אָן דעם לאנגן און שווערן 'עבדות'? אבער דער צדיק וואס ער איז אין דער מדרגה פון 'מאפלה לאור גדול', ער פארשטייט, אז ברוחניות איז נישט שייך אז עס זאל אראפקומען אזא 'אור גדול' - אָן דעם וואס עס זאל זיין א גרויסע 'אפילה' פריער; ווי דער עבודת ישראל זאגט (ויצא ד"ה ויצא השני), אז ווי גרעסער דער 'חשכות הגלות' איז, אלץ גרעסער וועט זיין דער 'אור הגאולה' פון לעתיד. און דעריבער, האט ער נישט קיין שום צער פונעם גאנצן גלות, וויבאלד ער ווייסט וואספארא 'אור גדול' עס וועט ארויסקומען דוקא דורכדעם.

**פארוואס פרעגסטו וואס וועט זיין?**

**משה** רבינו האט זיך אפגערעדט און געזאגט 'למה הרעות', און דער מדת הדין האט דאס אנגענומען על פי פשטות, אז משה רעדט זיך אפ אויף דעם ביטערן גלות. און דערפאר הייבט די תורה אן: **"וידבר אלקים אל משה"** - דער מדת הדין האט גערעדט צו משה; ווי רש"י זאגט: **"דבר אתו משפט"**. און דער פסוק איז מפרש די טענה וואס דער מדת הדין האט געהאט צו משה: "וארא אל אברהם וגו' ושמי ה' לא נודעתי להם". זאגט רש"י: **"לא אמרו לי מה שמך ואתה**

**אמרת מה שמו מה אומר אליהם**". דאס הייסט, די גאנצע זאך וואס משה האט געפרעגט 'מה שמו', איז געווען די כונה: "וואס איז דער שם וואס ווייזט אז עס וועט נאך אמאל קומען גוטע צייטן?" און אויף דעם האט דער אייבערשטער געענטפערט: "אקיה אשר אקיה"; ווי רש"י טייטשט דארט: "**אהיה עמם בצרה זאת, אשר אהיה עמם בשעבוד שאר מלכיות**" - אז דער אייבערשטער איז מבטיח אז ער וועט שטענדיג זיין מיט אידישע קינדער. און דאס איז געווען דא די טענה: די אבות האבן מיר נישט געפרעגט קיין 'שם', קיין שום צייכן אויף גוטע צייטן, ווייל דער גלות איז ביי זיי געווען א בשורה טובה! און אז עס איז גוט, פרעגט מען נישט קיין קושיות! מען וויל גארנישט וויסן קיין עתידות, ווייל עס איז זיי גוט שוין יעצט! און כאטש ער האט עס געפרעגט לצורך ישראל, אויב **זיי** וועלן פרעגן 'מה שמו', האט אבער דער מדת הדין אפגעלערנט, אז אים אליינס איז עס אויך שווער געווען; ווי מען זעט צום סוף, אז ער האט געפרעגט: "למה הרעותה".

###### משה רבינו האט רחמנות אויף די וואס שפירן נאך יא צער הגלות

"**ויאמר אליו אני ה'**". דער פסוק טוישט גלייך אויף מדת הרחמים.

ווייל אינ'אמת'ן האט משה רבינו בכלל נישט געמיינט 'זיך', ווייל ער אליינס האט טאקע געזען דעם 'אור גדול' וואס וועט ארויסקומען פונעם גלות, און ביי אים איז טאקע דער גאנצער גלות געווען א שטיק טובה און ער האט נישט געהאט קיין שום קושיות. משה רבינו איז אבער געווען דער גרויסער רחמן; ווי דער מדרש דערציילט (שמו"ר ב, ב), אז משה רבינו האט געפאשעט די שעפעלעך פון יתרו, און איינמאל איז א ציגעלע אנטלאפן, און משה איז אים נאכגעלאפן, ביז ער איז אנגעקומען צו א ברונעם וואסער, האט ער זיך איינגעבויגן און געטרינקען, האט משה רבינו געזאגט: איך האב נישט געוואוסט אז דו לויפסט ווייל דו ביסט דארשטיג! האט ער אים אויפגעהויבן מיט רחמנות און צוריקגעטראגן דעם גאנצן וועג. האט דעמאלט דער אייבערשטער געזאגט: "**יש לך רחמים לנהוג צאנו של בשר ודם כך, חייך אתה תרעה צאני ישראל**" - אויב דו האסט אזוי רחמנות אויף די שעפעלעך פון א בשר ודם, וועסטו זיין דער פאסטוך פאר מיינע שעפעלעך, די אידישע קינדער. און דעריבער האט ער

יעצט רחמנות געהאט אויף די פשוט'ע אידן וועלכע זענען נישט אין זיין מדרגה, וואס ביי זיי איז דער גלות יא ביטער און פינסטער, און צוליב זיי האט ער געפרעגט דעם 'למה הרעות'. און וויבאלד עס איז נאר געקומען פון זיין מדה פון רחמנות, איז דורכדעם אויך געווארן אויפגעוועקט א 'מדת הרחמים' פון אויבן, און עס איז געווארן אן 'אמירה רכה', ויאמר אליו אני ה'.

**דער 'עם' זעט דאך בלויז 'הֵרַע' און נישט 'הַצֵל'**

**און** דעריבער האט משה רבינו געזאגט דייקא דעם לשון: 'הרע **לעם** הזה' - פארוואס האסטו שווער געמאכט פארן 'עם' - די נידריגע מדרגה, וועלכע פארשטייט נישט דעם 'אור גדול' וואס וועט דא ארויסקומען פונעם 'עבדות', און זיי פארשטייען נישט פארוואס עס פעלט אויס אזא ביטערע און שווערע 'עבדות' - כדי זוכה צו זיין צום 'חירות'. און דאס איז ער ווייטער מסביר: "**וְהַצֵּל לֹא הִצַּלְתָּ אֶת עַמֶּךָ**" - דער 'עם' זעט נישט און פארשטייט נישט דעם 'הצלה' און גאולה וואס עס ליגט אין דעם! זיי זעען נישט די טיפקייט וואס איך זעה, און אויף זייער צער האב איך רחמנות.

**צוליב מיין מדת הרחמנות, ערלויב איך זיך צו פרעגן 'למה הרעותה'**

**דאס** זאגט רש"י: "**ואם תאמר מה איכפת לך**" - טאמער וועסטו פרעגן: "וואס גייט עס דיר אן? דו ווייסט דאך גאנץ גוט אז די אלע צרות וועלן ברענגען אזא מורא'דיגן אור גדול וואס אלעס וועט זיך האבן געלוינט, נו, פארוואס רעדסטו זיך אפ אויפן גלות?". אויף דעם ענטפערט משה רבינו: "**למה זה שלחתני**" - פארוואס האסטו פונקט **מיר** געשיקט אויסלייזן די אידן? דאס איז דאך נאר וויבאלד איך בין א 'רחמן'! ווי דער אויבנדערמאנטער מדרש זאגט. נו אויב אזוי, האב איך דאך רעכט צו שוינען די אידן וועלכע זעען נישט דעם אור גדול, און איך בין זיך מצטער מיט זייער צער, אז דער גלות איז נאר געווארן ערגער און שווערער! דאס הייסט, אז דער 'למה זה שלחתני' איז נישט א צווייטע טענה, נאר עס איז א הסבר, פארוואס איך ערלויב זיך צו פרעגן 'למה הרעותה'.

דער צדיק רעדט זיך נישט אפ צוליב 'זיך'

**דאס** זאגט דער מדרש: "**בכל עצב**" - יעדעס מאל וואס עס געשעט חלילה אן ענין פון עצבות, א צרה און א גלות וכדומה, "**יהיה מותר**" - דער צדיק זעט אז עס וועט ארויסקומען פון דעם א 'יתרון' און א פארדינסט, דוקא די צרה וועט ברענגען א גרעסערן 'אור גדול' און א כבוד שמים. און דעריבער פרעגט נישט דער צדיק קיין שום קושיא, ער פאלט נישט אריין אין דעם עצבות און ער רעדט זיך גארנישט אפ דערויף. ווייל ער זעט נאר דעם 'חלק הטוב' וואס עס וועט ארויסקומען פון דער צרה. אבער "**ודבר שפתים**" - דאס וואס דער צדיק רעדט זיך יא אפ דערויף - אזויווי משה רבינו האט דא געזאגט 'למה הרעות' - דאס איז נאר "**אך למחסור**" - צוליב די אידן וואס עס פעלט זיי די הויכע מדרגה צו איינזען דעם אור גדול, זיי זעען נישט קיין 'הצל הצלת' און זיי זעען נישט דעם 'מותר', נאר זיי זעען בלויז דעם 'עצב' און דעם 'הרע לעם הזה', און צוליב זיי טענה'ט דער צדיק 'בדבר שפתים', וויבאלד ער האט רחמנות אויף זייער מצב.

דער כח אויסצוהאלטן דעם גלות – אמונת צדיקים

**חז"ל** זאגן (שהש"ר ד, יט): "**לא נגאלו ישראל אלא בזכות האמונה שהאמינו ישראל במצרים**". פשוט מיינט דאס, אז אין זכות וואס אידן האבן געגלייבט אז עס וועט נאך קומען א גאולה - זענען זיי געווארן אויסגעלייזט. עס קען אבער זיין לפי עניננו, אז דאס גייט ארויף אויף דעם כח וואס אידן האבן געהאט 'אויסצוהאלטן' דעם גלות מצרים, וואס נאר דורכדעם האט מען געקענט שפעטער ווערן אויסגעלייזט, און דאס איז אלעס געווען אינעם כח פון 'אמונת צדיקים', אז כאטש זיי האבן טאקע נישט געשפירט דעם 'אור גדול' וואס זיי וועלן נאך זוכה זיין דערצו, אבער זיי האבן געהערט פון די נביאים און פון משה רבינו אז עס וועט נאך קומען אזא מין 'אור גדול', וואס אלע יסורים וועלן זיך האבן געלוינט דערפאר, און וויבאלד זיי האבן געגלייבט דערין, האט זיי דאס געגעבן כח אויסצוהאלטן דעם גלות, ביז זיי זענען געווארן אויסגעלייזט פונעם גלות.

## דברי כיבושין

**בעוונותינו**, טאקע אין דעם דור, א 'דור עני' וואס איז נאך קיינמאל נישט געווען אזא מין דור! עס איז געווען דורות וואס איז געווען די גדולי עולם, אזעלכע 'שרפים וקדושים' וואס ממש, עס איז ביי זיי געווען די בחינה; ווי עס שטייט אין די ספרים [אז] עס איז א 'בחינת בית המקדש', עס איז געווען [פארשידענע] בחינות וואס מען האט אלעס ביי זיי געזען, מען איז אריינגעקומען [און] מען האט זיי אנגעקוקט, איז מען נתחזק געווארן, האט יעדן אנגעכאפט 'אמונה', מיט 'קדושה' מיט אלעמען. און מען איז היינט נעבעך אזוי, אזוי דערוויטערט געווארן, אזא מין בחינה וואס איז נאך קיינמאל נישט געווען.

**על** כל פנים, דאס איינציגע וואס איז אונז געבליבן, [איז] דער ענין פון אמונה. וואס אונז זעען מיר אין די אלע ספרים, זרע קודש, און אלע [ספרים], וואס זיי שרייען [אויף] עקבתא דמשיחא, [אז] מען זאל זען זיך [צו] דערהאלטן! מען זאל זען נישט אריינצופאלן! **עס איז נישט קיין ספק, אז באלד, באלד, באלד וועלן אידן אויפגערעכט ווערן!!!** אבער על כל פנים, מען דארף צו וויסן זיך צו דערהאלטן! נישט חלילה אריינצופאלן אין פארשידענע מחשבות זרות וכדומה, נאר זיך דערהאלטן אין די 'אמונה שלימה'.

## וַיְדַבֵּר אֱלֹקִים אֶל מֹשֶׁה וַיֹּאמֶר אֵלָיו אֲנִי ה׳.

**א)** דער מדרש (שמו"ר ה, כב) איז מסביר דאס וואס דער פסוק הייבט זיך אן ׳וידבר׳ - דיבור קשה, און ער ענדיגט מיט ׳ויאמר׳ - אמירה רכה, זאגט דער מדרש: **"באותה שעה בקשה מדת הדין לפגוע במשה וכיון שראה הקב"ה שבשביל ישראל הוא אומר לא פגעה בו מדת הדין"** - קודם האט דער מדת הדין געוואלט טשעפן משה׳ן, נאר וויבאלד דער אייבערשטער האט געזען אז ער מיינט נאר די טובה פון כלל ישראל, האט דער מדת הדין אים אפגעלאזט. זעט אויס פונעם מדרש, אז דער אייבערשטער האט דא געזען עפעס, וואס אפילו א מלאך און א מדה עליונה קענען נישט זען. לכאורה איז שווער: פארוואס טאקע האט דער מדת הדין נישט געזען, אז ער רעדט דא נאר פון אהבת ישראל? וואספארא אייגענע אינטערעסע איז דען געווען שייך צו האבן דא?

**ב)** אויך איז לכאורה איבריג דער לשון ׳אליו׳, ווייל ער האט דאך אנגעפאנגען מיט ׳וידבר אל משה׳, ממילא וואלט שוין יעצט געווען גענוג צו זאגן ׳ויאמר אני השם׳?

**ג)** דער פסוק זאגט ווייטער: **"וָאֵרָא אֶל אַבְרָהָם אֶל יִצְחָק וְאֶל יַעֲקֹב"**. זאגט רש"י: **"וארא אל האבות"**. איז דאך באקאנט די קושיא, וואס האט דא רש"י מוסיף געווען, מער ווי עס שטייט בפירוש אין פסוק?

**ד)** אין מדרש (שמו"ר ה, כב) שטייט: **"אמר לו הקב"ה אני הכתבתי עליך שאתה עניו ואתה מקפיד על דברי"** - איך האב געשריבן אויף דיר אז דו ביסט אן ׳עניו׳, און דו ביסט מקפיד אויף מיינע ווערטער, אז דו זאגסט ׳למה הרעות׳. לכאורה דארף מען פארשטיין, וואס איז דער שייכות צווישן די מדה פון ׳ענוה׳ צו דעם דיבור פון ׳למה הרעות׳?

וואס איז דער קטרוג אויף ׳למה הרעות׳, עס איז דאך געקומען פון ׳אהבת ישראל׳?

**נאר** עס קען אפשר זיין אזוי. מען זעט דאך, אז דער גאנצער קטרוג פון דער מדת הדין אויף משה פארן זאגן ׳למה הרעותה׳, איז נאר געווען געבויעט אויף די אבות, אז זיי האבן זיך נישט אפגערעדט

אויפן אייבערשטנ'ס הנהגה - אפילו ווען זיי האבן נישט געזען ווי דער אייבערשטער איז מקיים דאס וואס ער האט זיי צוגעזאגט - און משה האט זיך יא אפגערעדט. אבער לכאורה וואלט מען געקענט פארענטפערן, אז אפשר איז משה רבינו אנגעקומען צו אזא הויכע מדרגה פון אהבת ישראל, אז עס האט אים געארט דער צער פון אידן - נאכמער ווי עס האט געארט פאר די אבות הקדושים, און דערפאר האט ער געזאגט 'למה הרעות'?

מדת הדין: איז דען שייך צו האבן מער רחמנות ווי 'עלטערן'?

**אבער** דער מדת הדין האט געהאלטן, אז אזא זאך קען נישט זיין במציאות, אז א מענטש זאל ליב האבן א צווייטן מענטש - נאכמער ווי זיין אייגענער טאטע האט אים ליב; ווי דער פסוק זאגט (תהלים קג, יג): "כרחם אב על בנים", די גרעסטע אהבה וואס איז פארהאן אויף דער וועלט, איז די אהבה פון א טאטן צו א זון, און דעריבער איז דא א שטארקע טענה צו משה רבינו, אז אויב די 'אבות' - וועמען מען האט געוויזן דעם גאנצן צער וואס זייערע קינדער וועלן האבן אין גלות - האבן זיך נישט אפגערעדט, נו, ווי קענסטו זיך אפרעדן? און דאס זאגט דער פסוק: "**וָאֵרָא אֶל אַבְרָהָם אֶל יִצְחָק וְאֶל יַעֲקֹב**" - איך האב אלעס געוויזן פאר זיי, און רש"י לייגט צו: "**אל האבות**" - זיי זענען דאך די 'טאטעס' פון אידישע קינדער, און דאך, מיט זייער גרויסע אהבה צום כלל ישראל, האט זיך קיינער פון זיי נישט אפגערעדט אויף מיין הנהגה, נו אויב אזוי, ווי קענסטו קומען מיט טענות און זאגן 'למה הרעות'? עס קען דאך נישט זיין אז דו ביסט גרעסער אין 'אהבת ישראל' ווי זיי? דאס איז געווען די ראיה פונעם מדת הדין קעגן משה.

אלע אהבות פון עולם הזה - מיינט מען עטוואס 'זיך'

**אבער** דער אייבערשטער בכבודו ובעצמו האט באלד געזען, אז משה מיינט בלויז 'אהבת ישראל', דעריבער האט זיך עס געטוישט אויף 'אמירה רכה'. ווייל דער חובת הלבבות (שער עבודת אלקים, הקדמה) רעכנט אויס פינף דרגות פון פארשידענע סארט אהבות און טובות וואס א מענטש איז מטיב צום אנדערן, און די העכסטע 'הטבה' איז: א טאטע צו א קינד, וואס ער האט אים ליב און ער גיבט אים אלעס גוטס. און דער חובת הלבבות זאגט דארט, אז אפילו דאס

וואס א מענטש האט ליב זיין זון, איז נאכאלץ אן 'אהבה התלויה בדבר', ווייל ער האט אים ליב נאר ווייל ער האט שייכות מיט 'אים' אליינס. און כאטש ער איז טאקע זייער געטריי פארן קינד און ער האט אים ליב אהבת נפש - דאך האט עס א שייכות מיטן 'זיך'! ווייל עס איז נישטא אזא זאך, אז א מענטש זאל עפעס ליב האבן בגשמיות - אָן קיין געמיש פונעם 'זיך'.

משה'ס ענוה האט אים געברענגט צו אן אהבה וואס האט נישט מיט 'זיך'

**די** גמרא זאגט (חולין פט.): **"גדול שנאמר במשה ואהרן יותר ממה שנאמר באברהם דאילו באברהם כתיב ואנכי עפר ואפר ואילו במשה ואהרן כתיב ונחנו מה"** - משה רבינו איז צוגעקומען צו אזא מדרגה פון 'ענוה' פון 'ונחנו מה' - איך בין **גארנישט!** וואס אפילו ביי אברהם אבינו שטייט נישט אזא שטארקן אויסדרוק פון ענוה, ווייל עס איז נאך געווען עפעס א מציאות פון 'עפר ואפר'.

**קומט** אויס, אז מען קען שוין נישט האבן קיין טענות צו משה פארוואס ער האט געזאגט 'למה הרעות' - און די אבות האבן נישט געזאגט, ווייל די אבות האבן טאקע נישט געמעגט זאגן 'למה הרעות', וויבאלד זיי האבן נאך געהאט עפעס אן אייגענע מציאות פון 'עפר ואפר', און אויב עס איז נאך פארהאן עפעס אן 'אנכיות', טאר מען נישט מהרהר זיין אויפן אייבערשטנ'ס הנהגה, ווייל ווער ווייסט צי מען מיינט נישט חלילה עפעס 'זיך'! ווער ווייסט צי עס איז נישט אריינגעמישט עפעס א נאטורליכע געפיל פון א טאטן צו א קינד, און עס איז נישט ריין 'אהבת ישראל'. אבער משה רבינו וואס ער איז געווען 'מה', עס איז בכלל נישט געווען דא קיין שום אייגענע מציאות פון 'משה', אז ער זאל בכלל קענען טראכטן פון 'זיך' און פון 'זיינע נגיעות', האט ער דאך געמיינט בלויז ריין אהבת ישראל, אויב אזוי, האט ער יא געמעגט זאגן 'למה הרעות'.

'אליו' ביי אברהם ווייזט אז עס איז נישטא קיין 'זיך'

**דער קדושת לוי** אין פרשת וירא (ד"ה וירא אליו) פרעגט: פארוואס שטייט: "וירא **אליו** ה' באלוני ממרא" און עס שטייט נישט דער נאמען פון אברהם; ווי געווענליך וואס מען זאגט: "וירא ה' אל אברהם"? ענטפערט דער קדושת לוי, אז בשעת ווען אברהם אבינו

האט זיך גע'מל'עט אויף דער עלטער, איז ער שוין געווען אזוי אויסגעארבעט, אז ער איז געווען 'מופשט' פון אותיות, און מען האט אים שוין נישט געקענט אנרופן מיט א נאמען, און דערפאר שטייט דארט 'אליו' אן קיין נאמען. זעט מען, אז 'אליו' ווייזט אויף 'התפשטות הגשמיות'.

'אליו' ביי משה ווייזט אויך אז עס איז נישטא קיין 'זיך'

**דערפאר** הייבט אן דער פסוק: "**וַיְדַבֵּר אֱלֹקִים אֶל מֹשֶׁה**" - קודם איז געווען א 'מדת הדין', וואס זי ווייסט נישט קיין מחשבות, און האט נישט געוואוסט אז משה האלט ביי א מדרגה פון 'ונחנו מה', וואס ער האט גארנישט געקענט מיינען 'זיך', נאר בלויז ריין 'אהבת ישראל'. אבער דער אייבערשטער - וואס ער איז דאך א 'יודע מחשבות', און ער ווייסט אז משה האט נישט קיין שום 'ישות' אין זיך - האט עס איבערגעדרייט אויף רחמים, און "**וַיֹּאמֶר 'אֵלָיו' אֲנִי ה'**" - איך באשעפער זעה, אז דו ביסט נאר אן 'אליו', דו האסט נישט קיין שום אייגענע מציאות פון ישות'דיגע הרגשים, און ממילא האסטו דאך געמיינט ריין נאר לטובת ישראל, און אויב אזוי איז דאס בכלל נישט קיין חטא; ווי דער מדרש זאגט: "**באותה שעה בקשה מדת הדין לפגוע במשה וכיון שראה הקב"ה שבשביל ישראל הוא אומר לא פגעה בו מדת הדין**" - בלויז דער אייבערשטער, וואס ער ווייסט די אמת'דיגע מדרגה וואו א איד האלט אין דער מדה פון ענוה און התפשטות הגשמיות - האט געקענט זען אז ער איז ריין פארן אייבערשטן, און ער האט נישט קיין שום נגיעה עצמיות. און דערפאר האט דער מדת הדין נישט געקענט שולט זיין אין אים.

כי לו נאה כי לו יאה - אן עניו האט אן אנדערע הלכה...

**דאס** זאגט דער מדרש: "**אמר לו הקב"ה אני הכתבתי עליך שאתה עניו ואתה מקפיד על דברי**". מען קען אפשר זאגן פשט, אז דאס גייט 'בניחותא': וויבאלד איך האב געשריבן אויף דיר, אז דו ביסט אן 'עניו', דאס הייסט, אז דו האסט נישט קיין שום אייגענעם 'ישות' און 'אנכיות', דעריבער האסטו טאקע רעכט צו האבן טענות אויף מיין הנהגה, ווייל דו מיינסט גארנישט 'זיך' - נאר די טובה פונעם כלל ישראל מיט אן אמת.

## דברי כיבושין

**היוצא לנו מזה:** צו זוכה זיין צו דער בחינה פון אני ה׳, דאס איז [תלוי, אין] די בחינה ווי ווייט מען מיינט נישט ׳זיך׳. וויפיל מען מיינט לשם [שמים] - אזויפיל איז מען ממשיך דעם ענין פון דער גאולה, דעם ענין פון ׳רחמים׳.

**לכאורה,** דער אייבערשטער האט [דאך] נישט געגעבן די תורה צו מלאכים, ער האט דאך דאס געגעבן פאר מענטשן, און א מענטש איז דאך בטבע [קרוב אצל עצמו], נו, וויאזוי קען זיך א מענטש באפרייען פון נגיעה, און מען דארף דאך האבן דעם ענין פון מיינען לשם [שמים]?

**[נאר]** עס קען זיין אפשר, דארט וואו אידן קומען זיך צוזאמען, דער כלל ישראל צוזאמען, [דורך] דאס ענין וואס אידן זענען מתפלל [ביחד], [איז גורם אז] די אלע תפילות פון כלל ישראל קומען זיך צוזאמען, ממילא, אז דאס גייט ארויס פון מקור פון ׳קדושת ישראל׳ צוזאמען, דאס האט עפעס אזא מין כח! אידן צוזאמען קענען צוקומען צו דער מדריגה! ווייל דער מקור פון כלל ישראל איז דאך אזוי הויך, דאס איז די בחינה [פון] ״ולקחתי אתכם לי והייתי לכם לאלקים״! דאס איז דאך א בחינה [פון] ״עבדי הם״! ״לי בני ישראל״! ״אורייתא וישראל וקוב״ה חד״! איז ממילא קומט אויס, אז דער גאנצער כלל ישראל ׳צוזאמען׳ איז שוקל, אז די אלע תפלות קענען קומען צו דער מדריגה מען זאל מיינען הקב״ה.

**זאל** דער אייבערשטער העלפן טאקע, [יעצט אין] די הייליגע טעג [פון] שובבי״ם, וויפיל טרערן פון אידישע קינדער איז פארגאסן געווארן און עס פארגיסט זיך, ווער שמועסט נאך ווען מען האט געהערט דעם הייליגן רבי׳ן, זאגן די הייליגע תורות הקדושות, ווי ווייט ער האט מקונן געווען, ווי ווייט עס איז אים געגאנגען [ללבו] דער צער פון כלל ישראל, דער ׳שכינתא בגלותא׳, ווי ווייט עס איז געגאנגען.

**אודאי,** נעבעך מסתמא האט מען נישט זוכה געווען [מצדנו] אז ער זאל געווזען אויסבעטן די גאולה. ווייל לכאורה [מצדו לא

היה עיכוב], מען האט דען א השגה אין זיין קדושה? זיין מסירות נפש? בפרט אין דעם זמן. אונז ווייסן מיר נישט פון [נאך] איין צדיק וואס איז געווען אין אזא זמן, אין אזא הסתר פנים, [און] גערעדט צו אזעלכע צובראכענע אידן! וואס האט ער געמיינט? ווען מען האט ער געמיינט? נעבער, וואס האט ער געהאט? עס איז נאר געווען א שטיק לשם שמים! א שטיק 'אש קודש'! א שטיק פארן אויבערשטן! דאס איז געווען זיין גאנצן לעבן! דאס איז געווען זיין שאיפה! איז דאך נישט קיין ספק אז ער האט געמיינט לשם שמים.

**נאר** עס קען זיין, אז [העיכוב היה מצדנו], דאס איז די בחינה וואס [עס] שטייט: "הן בני ישראל לא שמעו אלי", איז דער פשט, אז מען דארף האבן צו זיך דעם כלל ישראל! דאס כלל ישראל דארף צוהעלפן! און ווער ווייסט צי מען האט גענוג צוגעהאלפן - ווען מיר האבן געהאט דעם הייליגן רבי'ן?

**דער** אויבערשטער זאל העלפן, 'מה כאן עומד ומשמש', זאל ער אויכעט אויבן 'עומד ומשמש' זיין, ער זאל מעורר רחמים זיין אויפן כלל ישראל ברוחניות ובגשמיות, מען זאל זיך קענען דערהאלטן, און מען זאל קענען מגדל זיין קינדער לתורה וליראת שמים ברוחניות ובגשמיות, מען זאל שוין געהאלפן ווערן בגאולה שלימה במהרה בימינו, אמן.

## דיבורים וסיפורים - ממה שסיפר תחת השיחים במשך השנים

### הרה"ק רבי דוד מ'לעלוב זי"ע
### ז' שבט תקע"ד

#### געגעסן קרבנות...

**רבי** דוד'ל לעלובער פלעגט צושניידן די מוציא אויף קלענערע שטיקלעך - וואס מען פלעגט רופן אינדערהיים א 'קאָזאַלע' - און אזוי פלעגט ער עסן איין שטיקל אויפאמאל. און ער פלעגט זאגן: "נאך א 'קאָזאַלע' - נאך א קרבן פארן אייבערשטן! נאך א 'קאָזאַלע' - נאך א קרבן פארן אייבערשטן!".

#### א שיינער קעסט...

**רבי** משה'לע לעלובער איז געווען אן איידעם ביים יוד הקדוש. ביים שידוך האט דער יוד הקדוש געפרעגט פון רבי דוד'ל לעלובער: "רבי, נו, וואס וועט זיין מיט קעסט?". האט רבי דוד'ל געזאגט: "אויף א וואָר משה'לע, אז איך וועל האבן א בראַטל וועסטו עסן פון מיר, און אז דו וועסט האבן א בראַטל וועל איך עסן פון דיר".

**און** דער שידוך איז געווארן... זעט אויס אז דער יוד הקדוש איז געווען צופרידן פון אזא קעסט...

#### זייט מיר אלע געזונט

**רבי** דוד'ל לעלובער איז אמאל איינגעשטאנען אין אן אכסניא. ווען ער איז אוועקגעפארן האט ער זיך געזעגנט, אבער קיינער איז נישט געווען אין שטוב, האט ער געגעבן א זאג: "זייט מיר אלע געזונט". איז דארט געווען א מיידל אן אינוואליד לא עלינו, וועלכע איז אפגעליגן שוין יארן, איז זי געווארן געזונט כאחד האדם.

א כח פון צדיק גוזר!

נו, אז ער האט געזאגט 'אלע', האט ער דאך געמיינט אלע דורות. זכותו יגן עלינו.

#### באהאלטן זיין גאונות אין יראת שמים...

**איך** האב געהערט פונעם שווער (הגה"צ אב"ד וואידיסלאב) זכרונו לברכה, אז דער אבני נזר האט געזאגט: "מען קען דאך נישט זאגן אז רבי

דוד'ל לעלובער איז געווען א קלענערער 'גאון' פונעם רבי'ן ר' יהונתן, און מען קען דאך נישט זאגן אז דער רבי ר' יהונתן איז געווען א קלענערער 'ירא שמים' ווי דער רבי דוד'ל לעלובער, נאר וואס איז דער חילוק צווישן זיי? רבי דוד'ל לעלובער האט פארדעקט און באהאלטן זיין תורה מיט זיין יראת שמים, און דער רבי ר' יהונתן האט באהאלטן זיין יראת שמים מיט זיין תורה!".

**אלעס געפועל'ט ערב יום טוב...**

**רבי** דוד'ל לעלובער איז אמאל געקומען צום חוזה פון לובלין אויף שבועות, קומט ער אריין אין דער אכסניא - וואו ער פלעגט שטענדיג איינשטיין, און ער טרעפט אז דער מאור ושמש האט גענומען די אכסניא, ווי רבי דוד'ל האט אים דערזען, האט רבי דוד'ל זיך אנגערופן בדרך כבוד: "אָה". און דער מאור ושמש האט פארשטאנען, אז רבי דוד'ל שטייט געוועגליך איין דא, האט ער זיך אנטשולדיגט פאר אים, אז ער האט נישט געוואוסט אז ער שטייט דא איין געוועגליך. און רבי דוד'ל האט גארנישט געענטפערט, נאר ער איז ארויסגעגאנגען פון דארט.

**עס** איז געקומען שבועות, האט דער מאור ושמש באמערקט אז רבי דוד'ל איז נישטא אויף יום טוב. האט עס אים זייער געאַרט, אז אפשר צוליב די אכסניא איז ער אוועקגעגאנגען. איז ער געגאנגען צום רבי'ן פון לובלין און אים געזאגט אז ער איז זייער צוקאכט דערוועגן. האט אים דער רבי פון לובלין געזאגט: "ווען רבי דוד'ל קומט צו אונז ערב שבועות, האט ער נישט מער וואס צו טון! מיט די הכנות פון ערב שבועות האט ער שוין אלעס געטון! נאר וואס דען? אז ער איז שוין דא - בלייבט ער שוין דא אויף שבועות! נו, אז ער האט נישט געהאט קיין אכסניא איז ער געגאנגען! אבער באמת האט ער נישט געהאט וואס צו טון!".

**כאטש נישט צוהעלפן**

**רבי** דוד'ל לעלובער האט געזאגט צום זון: "משה'לע, איידער משיח וועט קומען וועלן זיין רבי'ס וואס וועלן קומען צו פארן אין שבת, דער וואגן וועט אריינפאלן אין בלאטע און דער עולם וועט ארויס שטופן דעם וואגן פון דער בלאטע, זאג איך דיר: דו זאלסט געדענקען אז עס איז שבת און זאלסט נישט צו העלפן שטופן דעם וואגן!".

#### זיינע רבי'ס האבן אים נישט געקענט

**ווען** רבי משה'לע לעלובער איז ארויפגעפארן קיין ארץ ישראל, האט ער זיך געזעגנט פון שטאט פשעדבורז וואו ער האט געוואוינט. האט ער געזאגט אזוי: "עס איז געווען א מסכת וואס האט געהייסן 'רבי דוד'ל לעלובער', וואס ער האט זיך אזוי אויסגעארבעט, אז זיינע רבי'ס (הרה"ק רבי ר' אלימלך זי"ע, והרה"ק החוזה מלובלין) האבן אים נישט געקענט. זאג איך אייך: עס איז געווען א מסכת משה לעלובער, וואס עטץ האט אים נישט געקענט און עטץ וועט אים נישט קענען עד ביאת גואל, זייט מיר געזונט פשעדבורז!".

### הרה"ק רבי משה לייב מ'סאסוב זי"ע
### ד' שבט תקס"ז

#### היכי דמי אהבת ישראל

**דער** רבי ר' משה לייב סאסובער זי"ע איז דאך באוואוסט אלץ דער גרויסער אוהב ישראל. האט ער געזאגט: "א איד וואס קען נישט אויסנאָגן א מכה רח"ל פונעם חבר[א] - איז ער נאך ווייט פון אהבת ישראל!".

#### דא וואוינט א איד!

**ווען** דער רבי משה לייב סאסובער איז געקומען צום ערשטן מאל צום הייליגן רבי'ן ר' אלימלך זי"ע אויף פרשת בא, האט אים דער רבי ר' אלימלך מכבד געווען צו זאגן תורה, האט ער געזאגט א דבר תורה[ב] אויפן פסוק: "ופסח ה' על בתי בני ישראל", און ער האט אויסגעפירט, אז דער אייבערשטער האט געטאנצן אויף די בתי בני ישראל. און בשעת מעשה האט זיך דער רבי משה לייב ארויפגעשטעלט אויפן טיש פונעם רבי'ן ר' אלימלך און אנגעהויבן צו זינגען און טאנצן: **"דא וואוינט א איד! דא וואוינט א איד!"**.



---

א אמאל איז דאס געווען מער שכיח, אז א מענטש וואס האט געהאט א מכה, האט מען געמוזט אויסקוועטשן דעם אייטער פונעם מכה, און מיטן מויל קען מען דאס בעסער טון.

ב עי' בחידושי הרמ"ל בפרשתינו שהעתיק כל הדברי תורה שאמר אז.

**קיין שום איד איז נישט איבריג...**

**דער** אורח לחיים זי"ע איז געווען דער רב אין שטאט זלאטשוב. און ער האט געהאט דארט צו טון מיטן קצב, וועלכער איז געווען א מסור און האט אים אנגעטון געבראטענע צרות.

**ויהי** היום, האט זיך דער קצב אוועקגעצויגן פון זלאטשוב קיין בראד. און פון דארט איז נישט ווייט קיין סאסוב, האט דער קצב אנגעהויבן צו פארן צו רבי משה לייב סאסובער זי"ע. און דער זלאטשובער מגיד פלעגט אויך פארן צו רבי משה לייב, און ער האט געזען אז רבי משה לייב איז מקרב דעם קצב. איז עס געווען ביי אים א חידוש נפלא. איז ער צוגעגאנגען און געפרעגט: "רבי, היתכן אז דער רבי איז מקרב דעם קצב? ער איז דאך א מסור?". האט אים רבי משה לייב געענטפערט: "**ביי אונז איז קיין שום איד נישט איבריג!**".

**לימים**, האט זיך דער קצב צוריק געצויגן קיין זלאטשוב, און דארט איז געשען אזא מעשה: יום הקדוש ביינאכט זענען אריינגעקומען זעלנער אין בית המדרש, און געוואלט כאפן אידן צו דער ארבעט. האט מען זיך אנגעהויבן צו שלאגן מיט זיי. און איין איד האט דארט דער'הרג'עט א זעלנער. נו, פארשטייט זיך אליינס, אז אויף אזא חטא האט געווארט א גאר הארבער עונש פון אחת דתו רח"ל.

**ווי** עס איז אנגעקומען דער טאג פונעם משפט, האט דער שופט געוואלט ארויסגעבן א פסק, אז נישט בלויז דער איינער וואס האט בפועל גע'הרג'עט - איז שולדיג דערין, נאר דאס איז געווען אן אפגעשמועסטע זאך וואס זיי האבן אלע געטון צוזאמען, און דעריבער דארף מען מעניש זיין אויך דעם רב, דעם גבאי'ן און די גאנצע קהלה רח"ל. איז דער אויבנדערמאנטער קצב אריינגעקומען צום שופט, און אים געזאגט: "איך וויל זיך מודה זיין על האמת, איך בין דער וואס האט גע'הרג'עט דעם זעלנער, און קיינער פון די קהלה האט נישט געהאט קיין שום חלק דערין! נאר איך אליינס!". נו, אז א מענטש קומט זיך אליינס מודה זיין, מוז מען אננעמען זיינע ווערטער, האט מען טאקע באפרייט יעדן איינעם, און נאר אים האט מען מעניש געווען רח"ל.

**דעמאלט** האט דער זלאטשובער מגיד פארשטאנען למפרע, די ווערטער וואס רבי משה לייב האט געזאגט: "**קיין שום איד איז נישט איבריג!**", ווייל דער קצב האט דא ממש מציל געווען דעם גאנצן שטאט פון א ביטערע גזירה רחמנא ליצלן.

**לקבלת הקונטרס מידי שבוע**

**נא לשלוח אימעיל עם הבקשה**

**MechonShinova@gmail.com**